STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05042

# MR. TRUMAN'S ADMINISTRATSYE UN ERTS-YISROEL.

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ted Wizenberg*
*in honor of*
*Leon & Rella Wizenberg*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY

# מר. טרומאַנ׳ס אַדמיניסטראַציע און ארץ־ישראל

פרעזידענט טרומאַנ׳ס אַדמיניסטראַציע האָט לעצטענס דורכגעמאַכט גלגולים מיט דער בריטישער רעגירונג אין באַצוג צו ארץ־ישראל, צו די היימלאָזע אידען אין די אייראָפּייאישע קאָנצענטראַציע לאַגערן און צו די פאַרשפּרעכונגען, וואָס דער קאָנגרעס, די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דאָס ווייסע־הויז אַליין האָבען געמאַכט צו די אידען אין אַמעריקע — גלגולים, וואָס זיינען ווערט אַ קלאָרען און עהרליכען דין־וחשבון. אַמעריקאַנער בירגער דאַרפען וויסען, ווי זייער רעגירונג האַנדעלט בנוגע אַנגעלעגענהייטען, וואָס טראָגען אַן אָפיציעלען אַמעריקאַנער שטעמפּעל. ארץ־ישראל איז אין די לעצטע יאָהרען געוואָרען אַן אַמעריקאַנער ענין. וואָס קאָן זיין מעהר ווי רעזאָלוציעס פון קאָנגרעס, פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמעס און פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע באַצהונגען ווענען ארץ־ישראל מיט אַנדערע רעגירונגען? דאָס אַלץ האָט ארץ־ישראל געקראָגען מצד אַמעריקע. אָבער ווי האָט געהאַנדעלט די רעגירונג אין דער ווירקליכ־קייט? וואָס איז געוואָרען פון דעם אַלעמען?

דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם איצטיגען פּאַמפלעט.

## פּרעזידענט טרומאַן בעט ענגלאַנד פאַר 100,000 אידען

מיט מעהר ווי אַ יאָהר צוריק — צו זיין פּינקטליך, דעם 31־טען אויגוסט, 1945 — האָט פּרעזידענט טרומאַן אַדרעסירט אַ פאָדערונג צו דער בריטישער רעגירונג, דורך פּריים־מיניסטער אַטלי, אַז זי זאָל דערלויבען תיכף ומיד 100,000 היימלאָזע אידען פון די אייראָפּייאישע קאָנצענטראַציע לאַגערן אַריינצוקומען און זיך באַזעצען אין ארץ־ישראל. די דאָזיגע פאָדערונג איז געקומען נאָכדעם, וואָס דער פּרעזידענט האָט גע־קראָגען אַ שוידערליכען באַריכט ווענען דער לאַגע פון די היימלאָזע אידען אין אייראָפּע פון אוירל האַריסאָן, דיען פון פּענסילווייניע יוניווערסיטעטי, זיין אייגענעם שליח קיין אייראָפּע.

## „פון ווערטער צו מעשים“?

רעדנער אויף אידישע פאַרזאַמלונגען און שרייבער אין אידישע צייטונגען האָבען באַגריסט דעם בריעף צו מר. אַטלי, ווי אַ שריט פון ווערטער צו מעשים. זיי האָבען אונטערגעשטראָכען, אַז אין די אַלע יאָהרען, וואָס די אייראָפּייאישע אידען זיינען אויסגעשטאַנען רציחות און שפּאָט פון היטלער׳ן און זיינע משרתים אין דייטשלאַנד און אין די באַזיגטע לענדער, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג ניט געהאַט מעהר ווי ווערטער פון מיטגעפיהל, אָבער זי האָט ניט אַריינגעטאָן קיין האַנד אין קאַלטער

וואסער צו העלפן ראטעווען די אומגליקליכע אידישע קרבנות. די קארעספאנדענץ צווישן פרעזידענט רוזוועלט און איבן סאוד, וואס איז פארעפנטליכט געווארן נאכ'ן טויט פון רוזוועלט, האט אינגאנצן דערשלאגן דעם אידישן עולם. מען איז געשטא־נען פאר א מין עובדא, וואס איז אונמעגליך געווען צו פארשטעהן. בעת רוזוועלט האט געשריבען דעם בריעף צום אראבישן מלך'ל, האט ער אויך איז א ווענדונג צו דער ציוניסטישער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, צוגעשיקט דורך סענאטאר וואגנער, צוגעזאגט, אז זיין אדמיניסטראציע וועט רעאליזירען די פלאטפארם פון דער דעמא־קראטישער פארטיי פאר פרייער אימיגראציע פון אידען קיין ארץ־ישראל און פאר דער שאפונג פון א אידישער פרייער און דעמאקראטישער קאמאנוועלט אין ארץ־ישראל.

אין אנגעזיכט פון דער דאזיגער טרויעריגער צוויי־פנים'דיגקייט און אויך צוליב די באשולדיגונגען, וואס זיינען דעמאלט געמאכט געווארן געגען סטייט־דעפארטמענט, אז ער פארפאלגט א פרא־בריטישע און פרא־אראבישע פאליטיק בנוגע ארץ־ישראל, הגם דער קאנגרעס און די דעמאקראטישע פארטיי האבען אנגעצייכענט א היפכ'דיגע פאליטיק, איז עס ניט געווען קיין וואונדער, וואס אידען אין אמעריקע האבען זיך אזוי דערפרעהט מיט פרעזידענט טרומאנ'ס פראקטישער פאדערונג פאר די 100,000 היימ־לאזע אידען. עס האבען זיך ביי אידען אויפגעוועקט האפנונגען, אז אמעריקע וועט סוף־כל־סוף ניט לאזען אונטערגעהן די אידישע היימלאזע, וואס זיינען איבערגעבליבען פון היטלער'ס שלאכט־הייזער און גאז־קאמערען. מען האט זיך געפרעהט, וואס די רעגירונג געהט איבער פון ווערטער צו מעשים.

## ענגלאַנד פאַרציהט דעם ענפער, און אַמעריקע מאַכט זיך הילפלאָז

די דאזיגע שטימונג האט, ליידער, ניט לאנג געדויערט.

עס זיינען אוועק חדשים זייט מר. טרומאן האט אפגעשיקט זיין בריעף מיט די „גוטע וואונשען" צו פריים־מיניסטער אטלי, און — אין קול ואין עונה. אידען האבען אנגעהויבען צו טראכטען, צי פיהרט מען זיי נאכאמאל ניט ביי דער נאז. ענדליך איז אנגעקומען פון לאנדאן א געגען פארשלאג: ענגלאנד וויל ניט נאכגעבען טרומאנ'ס בקשה אריינצולאזען קיין ארץ־ישראל תיכף ומיד די 100,000 היימלאזע אידען, אבער זי איז גרייט, צוזאמען מיט אמעריקע, צו שטודירען די פראגע, — צום וויפיעלטען מאל? — און דעריבער שלאגט זי פאר א געמישטע אנגלא־אמעריקאנער קאמיטע, וואס זאל אויספארשען די אנגעלעגענהייט אין אמעריקע, אין אייראפע, אין ארץ־שראל, און ארויסגעבען איהר אייגענעם פסק. פרעזידענט טרומאן האט זיך געלאזט אריינציהען אין דער אפציהערישער טאקטיק, וואס איז געציעלט געווען אויגענשיינליך בלויז צו געווינען צייט, און אמעריקע האט זיך אנגעהויבען צו באטייליגען אין א נייעם מין שותפות מיט ענגלאנד.

## די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיטע טראָגט אַרויס איהר פסק

די אנגלא־אמעריקאנער קאמיטע האט געארבייט פיער לאנגע חדשים, אויסגעהערט טוצענדער עדות, ארומגעפאהרען איבער אייראפע און ארץ־ישראל, געווען אין די אראבישע לענדער, און איז צוריקגעקומען מיט אן אונטערשטיצונג פון פרעזידענט טרומאנ'ס פארשלאג וועגען די 100,000 היימלאזע אידען און, צוליב איינשטימיגקייט, אויך מיט געוויסע פארשלאגען וועגען דער פאליטישער לייזונג פון דער ארץ־ישראל פראגע. פרעזידענט טרומאן איז געווען אין א פארלעגענהייט: ער איז צופרידען געווען מיט דער שטיצע, וואס די קאמיטע האט געגעבען צו זיין פלאן, ער האט אבער דאס ניט געקאנט פארבינדען מיט דער פאליטישער לייזונג, צו וועלכער, ווי ער האט פאר־שטאנען, די אידען קאנען קיינמאל ניט צושטימען. ער האט דעריבער באשלאסען צו בעטען די ענגלישע רעגירונג אנצונעמען די רעקאמענדאציע וועגען די 100,000 באלד,

און וועגן די פאליטישע פארשלאגן — צו פארהאנדלען און קומען צו א מין הסכם.

דאס אבער האט ענגלאנד ניט געוואלט. די קאמיטע איז דוקא געווען איהר אייגענער פארשלאג, אבער דער פסק איז איהר ניט געפעהלען, און עס האט זיך אנגע־הויבען א נייע פארהאנדלונג מיט נייע אפציהענישען, צו וועלכע די וואשינגטאנער רעגירונג האט, ליידער, נאכאמאל צוגעשטימט.

## פארוואס אזוי הילפלאז?

צו מאכען דאס קורץ, ענגלאנד שטופט אפ דעם ענין פון איין חודש צום אנדערען. דער לעצטער בריטישער פארשלאג, ווי באקאנט, איז צו באשטימען א קליינע טעריטא־ריע אין ארץ־ישראל, וואס זאל דערקלערט ווערען ווי א אידישע פראווינץ, א פיעל גרעסערע טעריטאריע אלס אן אראבישע פראווינץ, און צוויי טעריטאריעס, וואס זאלען דערקלערט ווערען ווי בריטישע פראווינצען, און איבער אלע פראווינצען זאל עקזיסטירען א מין פעדעראלע רעגירונג, איבער וועלכער ענגלאנד וועט האבען די דעה. פאר די פראווינצען וויל ענגלאנד גיבען אינערע אויטאנאמיע, אבער אידען וועלען אפילו ניט האבען די איבערזיכט איבער אימיגראציע. דער דאזיגער פלאן איז ארויס־געגעבען געווארען פון א נייער אנגלא־אמעריקאנער קאמיסיע, וואס האט געהאט דעם נאמען פון „קאבינעט קאמיסיע“, און וואשינגטאן, שוין זעהענדיג ווי ענגלאנד פיהרט זי ביי דער נאז, ניט נאכגעבענדיג טרומאנ׳ס בקשה, האט זיך פונדעסטוועגען באטיי־ליגט אין דער דאזיגער נייער קאמיסיע אויך.

פרעגען אלע ערנסטע אמעריקאנער, פארוואס איז אונזער רעגירונג אזוי שוואך און הילפלאז בנוגע ענגלאנד, ווען עס קומט צו אידען? אונזער סטייט־דעפארטמענט פארגינט זיך צו צייגען קראפט און רוקען־ביין, ווען עס האנדעלט זיך וועגען די דארדאנעלען, וועגען גריכענלאנד און יוגאסלאוויע, אונזער סטייט־דעפארטמענט האט ניט מורא אנצוטשעפען זיך מיט׳ן גרויסען רוסישען בער — פארוואס איז מען דא אזוי שוואך בנוגע ארץ־ישראל?

## וואו שטעהט דער סטייט־דעפארטמענט?

מענשען, וואס ווייסען וואס עס טוט זיך אין די הויכע פענסטער דערקלערען, אז אונזער סטייט־דעפארטמענט איז איבערהויפט קאלט צו די אידישע פאדערונגען און בפרט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען די אינטערעסען פון ענגלאנד אדער פון די אמערי־קאנער אויל־מאגנאטען.

א מיטגליד פון דער אנגלא־אמעריקאנער אויספארשונגס־קאמיטע, בארטלי ס. קרום פון קאליפארניע, האט עפענטלעך דערקלערט, אז דער סטייט־דעפארטמענט האט ביי זיך געהיימע דאקומענטען, וואס ער האט געזעהן, און וואס באווייזען, אז דערקלערונגען פון אונזערע פרעזידענטען לטובת אידען און ארץ־ישראל ווערען תמיד אויסגעטייטשט צו די אראבער ווי גלאט ווערטער לשם אינערע פאליטיק, און אז די אראבער דארפען זיך דערפאר ניט שרעקען.

עס זיינען אויך געמאכט געווארען באהויפטונגען, אז אין מיטעל־מזרח אפטיילונג פון סטייט־דעפארטמענט זיצען אידען־פיינד. נעמען זיינען זאגאר אנגערופען געווא־רען. אבער פרעזידענט טרומאן טוט וועגען דעם גאר ניט.

## דער סך־הכל

מען האט יאהרען לאנג געהאדעוועט אידען מיט הבטחות, און עס איז דערפון גארניט ארויסגעקומען. פרעזידענט טרומאן האט זיך דערלויבט כלומרשט איבערגעהן צו מעשים, אבער דער סטייט־דעפארטמענט און דער בריטישער פארעין אפיס געהען

האנד־איז־האנד אפּצוציהען די אנטשיידונג, און דערוויל שמאכטען איבער א מיליאן אידען אין די געטאָס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון אייראָפּע, און עס שטאַרבט אין זיי אָפּ איין אבר נאָכ׳ן אַנדערען.

וואָס וועט זיין דער תכלית ? אונזער רעגירונג זאָל נאָר ערנסט וועלען העלפען די אידען, וואָלט זי געקאָנט פועל׳ן ביי ענגלאַנד אַלץ וואָס זי וויל, ווארים ענגלאַנד הענגט אָפּ פון אַמעריקע אין אַ סך אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע אַנגעלעגענהייטען, אָבער עס שיינט ניט צו זיין דער ווילען אין וואַשינגטאָן באמת איבערצוגעהן פון ווערטער צו מעשים, פון ראש־השנה קליגווינשען צו אמת׳ער רעטונג. אַלע פאַרשפּרע־כונגען זיינען ווערט אַ שמעק פּולווער. ענגלאַנד מוז עס ווייסען, אַלאַ ניט וואָלט זי ניט געהאַנדעלט מיט אַזוי פיעל חוצפּה צו אַ פאַרשלאַג פונ׳ם פּרעזידענט פון די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

בירגער פון אַמעריקע דאַרפען ווייסען, ווי אַזוי אידען ווערען „פאַרקויפט" פאַר אויל, פאַר חבר׳ישע באַציהונגען צווישען אונזער סטייט־דעפּאַרטמענט און דעם בריטישען פאָרעין אָפיס — טראָץ די ערנסטע רעזאָלוציעס פון קאָנגרעס, טראָץ די פּלאַטפאָרמען פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען און טראָץ די דערקלערונגען פון די אַמעריקאַנער פּרעזידענטען זינט די צייטען פון וואודראָו ווילסאָן.

ISBN:0-657-05042-3

*Issued by*
**YOUNG ZIONIST ACTIONS COMMITTEE**
**342 MADISON AVE., NEW YORK, N. Y.**
309